# Digitales Brandenburg

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**


## Rebe Meʾir Bal ha-Nes

**Mezaḥ, Yehoshuʿa**

**Ṿilna, 662 [1901 oder 1902]**

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-12911

Visual Library

4495 ~~3872~~ 4239
14061 4

# רבי מאיר בעל הנס

נסים אונ מערקווירדיגע קלוגע מעשיות פון דעם חכם רבי מאיר, דער לעזער וועט זעהען ווי ריכטיג די וועלט זאגט: וואו תורה דארטען איז חכמה.
בעארבייטעט פון היילינגע ספרים

פון יהושע מזת.

ווילנא
שנת תרס״ב לפ״ק

**РАББИ МЕЙЕРЪ БААЛЪ ГАНЕСЪ.**

т. е. равви Мейеръ чудотворецъ.

Разсказъ О. Мейзаха.

Соб. изд. Л. Л. Маца.

ВИЛЬНА.

Типографія Л. Л. Маца, Завальная 30. 1914 г.

UNIVERSITÄT POTSDAM
Universitätsbibliothek

# א

פון וואנען רבי מאיר שטאמט, ווער זיינע עלטערין זיינען געוועזען ווייסט מען ניט, מען זאגט אז ער קומט ארויס פון די אור־אייניקליך פון גירון קיסר וואס האט פארלאזען זיינע געטצענ־בילדער, ער איז געוועזען אהיידע און אין די צייט פון חורבן בית שני איז ער געווארען איוד.

רבי מאיר'ס עלטערען האבען געוואוהנט אין קליין אזיע, זייא זיינען געוועזען גרויסע ארעמע לייט, פון דעסט וועגין האבען זייא איהם געלאזט לערנען תורה און חכמה, און רבי מאיר האט געהאט גרויסע פייאיגקייטען צום לערנען, ער האט איבער געשטיגען אין לערנען אלע זיינע חברים, וועהר עס האט איהם איין מאל געזעהען און גערעדט מיט איהם, האט ער איהם באלד ליב געהאט, ווייל ער איז געוועזען הויך געוואקסען און זיין גרויסע חכמה האט געשיינט אויף זיין געזיכט, דער צו האט ער געהאט פיל מעלות און גוטע זיטען, ער האט פיינד געהאט אלע קינדערשע פערגעניגען, ער האט נור ליב געהאט צו לערנען תורה און חכמה, ער האט בעקומען אגוטען נאמען, אלע האבען איהם גערופען דער וואונדער קינד, אלע האבען זיך געוואונשען צוא האבען אזעלכע קינדער וויא ער איז.

אז רבי מאיר איז עלטער געווארען איז ער געגאנגען אין ארץ ישראל כדי ער זאל קענען לערנען אין דער בעריהמטע גרויסע ישיבה פון רבי עקיבא,

אין אקורצע צייט איז ער אין דער ישיבה געווארען דער בעסטער תלמיד, זיין רבי האט איהם זייער ליב געהאט, און האט איהם געגעבען דעם טיטול רבי מאיר.

רבי מאיר האט זיך ערנעהרט פון זיין שרייבען די הייליגע

(ר״מ בעל הנס) ספרים

ספרים, ער פלעגט אליין מאכען טינט, אין דיא טינט פלעגט ער אריינגלייגען שוועבעל זאלץ, זיינען דיא בוכשטאבען געווען קלאהר אונ גלאנציג:

## ב.

רבי מאיר האט געהייראט מיט רבי חנינא בן תרדיון'ס טאכטער, איהר נאמען איז געווען ברוריה, זיא איז געווען אגרויסע חכמה, לערנען האט זיא געקאנט וויא איינער פון דיא חכמים, זיא האט געהאט אגוטען בערוף:

רבי מאיר איז געווען אגרויסער בעל בטחון אונ דער צוא אגרויסער בעל צדקה, ער פלעגט פארדינען דרייא שקלים (אזא מטבע) אוואך, פלעגט ער דער פון איין שקל אויס געבען אויף שפייז פאר זיך אונ פאר זיין פאמיליע, איין שקל אויף קליידער אונ דעם דריטען שקל פלעגט ער צו טהיילען דיא ארעמע תלמידי חכמים, אונ אזוי האט ער אלע מאהל געטאהן.

זיין רבי האט איהם אזוי שטארק גישעצט אונ געעהרט אז ער פלעגט זאגען זיינע תלמידים דאס זייא זאלען זיך לערנען פון רבי מאיר'ן צוא גלויבען אין גאטט, רבי עקיבא האט זיינע תלמידים ערציילט אזא מעשה: אמאל בין איך געגאנגען אויף איין שיף, מיר זיינען צריין ווייט אין ים האב איך דער זעהען וויא אקליינע שיפעל איז צובראכען געווארען אויף דעם שטורעמדיגען ים, איך האב זייער געטרויערט ווייל איך האב געוואוסט דאס אין יענע שיפעל איז געווען מיין תלמיד רבי מאיר, נאכדעם אז איך בין געקומען אהיים, בין איך אוועק געגאנגען אין בית המדרש, איך זעה דאס רבי מאיר איז דא, איך האב מיך זייער ערפרייט מיט איהם אונ איך האב איהם געפרעגט: זאג מיר מיין קינד ווער האט דיך געראטעוועט פון טויט? ער האט מיר גאנץ רוהיג געענטפערט, גלייך וויא מיין (ר"ם בעל הנס)

שיפעל

שיפפעל איז צו בראכען געווארען, האב איך זיך איבער געגעבען אין גאטטעס הענד, דער שטורעם איז געוועזען זייער גרויס, די וועלען האבען זיך געווארפען הין און הער, פון איין וועל צו די אנדערע, ביז זיי האבען מיך ארויס געווארפען צום ברעג ים, האב איך איהם געפרעגט: זאג מיר מיין קינד וואס פאר אמצוה האסט דוא געטאהן וואס דוא ביסט גירעטעט געווארען פון טויט — האט ער מיר געענטפערט; אז איך בין געקומען אין שיפפעל האב איך געטראפען דארטען איין ארעמאן, ער האט ביי מיר גיבעטען ברויט, האב איך איהם אבגעגעבען מיינע שפייז וואס איך האב מיט גענומען אויף מיין רייזע, האט דער ארעמאן געזאגט צו מיר; אט אזוי ווי דוא האסט מיך גירעטעט פון טויט, אזוי זאלסט דוא גירעטעט ווערען אין איין אונגליק פון טויט.

נור ניט אלע מאל פלעגט רבי מאיר אין איין אונגליק זיך פארלאזען אויף איין נס, וואו ער האט געקאנט, האט ער זיך גירעטעט דורך זיין חכמה, ווי מיר וועלען ווייטער ערציילען:

## ג.

רבי מאיר איז אמאל געגאנגען אויף דעם וועג ער איז געריטען אויף איין עזעל, ער איז געקומען ביי אקרעטשמע וואס איז געשטאנען ניט ווייט פון אגרויסען געדיכטען וואלד, די זון איז אונטער געגאנגען עס איז געווארען פינסטער בעת רבי מאיר איז געקומען ביי דער קרעטשמע, איז ער דארטען אין קרעטשמע געבליבען נעכטיגען, דאס ערשטע ער זאל זיך קענען אויסרוהען פון זיין וועג, און דאס צווייטע ווייל אין יענער צייט פלעגט מען מורא האבען צוא גיין אליין ביי נאכט אויף דעם וועג צו ליב גזלנים און חיות רעות.

אין יענע קרעטשמע, וואו רבי מאיר איז געבליבען
(ר"מ בעל הנס)
נעכטינען

געקטינגען, האט געוואהנט אגזלן, ארויבער, אמערדער, ווער פון דיא ביינענדע פלעגט קומען דארט געכטינגען, פלעגט דער קרעטשמער מיטען דעם אורח אויף דעם אופן, ער פלעגט דעם ביינענדען אין מיטען נאכט אויף וועקען פון זיין שלאף אונ ער פלעגט צו איהם אזוי זאגען: גענוג דיר שלאפען, שטייא אויף דוא האסט נאך אוייטע וועג צו גיין ביז דיין ארט וואו דוא ברויכסט דארטען צו קומען, איך וועל דיר טאהן דיא טובה ווייזען דיא וועג וואו דוא זאלסט גיין אונ ניט בלאנדזען.

דער ביינענדער פלעגט אויפשטיין אונ דער קרעטשמער האט איהם בעגלייט, ער פלעגט איהם צוועק פיהרען טיף אין וואלד אריין, דארטען זיינען געווען אגאנצע חברה גזלנים, דער קרעטשמער האט דעם אונגליקליכען ביינענדען איבער געגעבען צו די גזלנים אין זייערע הענד אונ יענע פלעגען איהם הארגענען אונ צו נעהמען אלעס וואס ער האט געהאט אונ דער קרעטשמער האט דער פון בעקומען אגעוויסע טהייל.

אלאנגע צייט האט דער קרעטשמער אזוי געטאהן מיט אלע ביינענדער וואס פלעגען קומען צוא איהם אין קרעטשמע געכטינגען.

צוא דעם פיינעם קרעטשמער איז אויך רבי מאיר געקומען געכטינגען, ער האט פון קיין זאך ניט געוואוסט.

# ה.

רבי מאיר איז געוועזן פארמאטערט פון זיין לאנגע רייזע. ער האט געשמאק איין געשלאפען, איהם האט זיך געחלומ׳ט דאס דער קרעטשמער פיהרט אים אין וואלד אריין, דארטען זיינען איהם בעפאלען עטליכע מערדער, דער קרעטשמער האט אנגעפאנגען צו לויפען פון וואלד אונ איהם האט ער דארטען איבער געלאזען, דיא מערדער זיינען איהם בעפאלען אונ האבען

איהם אנגעפאנגען צו ווערגען פארין האלדז, פון גרויס שרעק און שמערצען האט רבי מאיר אויף געוואכט פון שלאף, ער איז גילעגען אויף זיין גילעגער און ער האט זיך געמאכט שלאפענדיג, ביי איהם איז געווען דער בעשלוס ער זאל פון קרעטשמע גיט אוועק גיין ביז עס וועט ווערען טאג.

האלבע נאכט צייט האט איהם דער קרעטשמער אנגע-פאנגען צו וועקען פון שלאף, ער האט צו איהם אזוי געזאגט; שטייא אויף, גענוג דיר שלאפען קום מיט מיר, איך וועל דיר צייגען דעם וועג וואו דוא ברויכסט צו גיין, דוא בינסט דאך אין דעם געגינד פרעמד. וועל איך מיט דיר טאהן גנאדע, דיך פיהרען צייגען דעם ריכטיגען געהעהענטערין וועג, איך נעה אויף דיין געזיכט דאס דוא בינסט זייער א פיינער איידעלער מאן, דער פאר וועל איך מיר ניט פוילען און וועל זיך בעמיהען גיין מיט דיר און וועל דיר צייגען וואו דוא ברויכסט גיין כדי דוא זאלסט ניט בלאנדזען אין דעם אונבעקאנטען געגענד.

## ה.

רבי מאיר האט זיך געמאכט ווייא ער וויל נאך שלאפען. מיט האלבע פארמאכטע אויגען האט ער אנגעקוקט דעם קרעטשמער און ער האט באלד פארשטאנען פון זיינע גנבה'שע אויגען דאס ער איז ניט נאר אפיינער מענש, דיא אויגען זייגען אמאל סוסרים, דאס הויפט ביי א גנב און א גזלן זיינען דיא אויגען ניט ווייא ביי אלע מענשען ווייא אפייער ברענט זייא אין דיא אויגען, זייא זייגען ביסטרא, אז זייא גיבען אקוק אויף אמענשען, ערשרעקט זיך דער מענש פאר זייא, רבי מאיר דער גרויסער מענשען קענער האט דאס באלד באמערקט, ער האט זיך געמאכט ווייא ער וואלט דאס ניט פארשטיין, קאלטבלוטהיג און זייער געלאסען, ערינקט, האט ער צוא איהם געזאגט; איך קאן

(רים בעל תנם)

קאן פון דאנען נים אוועק זיין, וייל איך האב מיין ברודער געגעבען בעהאלטען מיינע געלד, אונ איך ערווארטע איהם מוז דיא נאכט אהער קומען, פון דאנען וועלען מיר ביידע צוזאמען גיין ווייטער, ער ווייס דעם גאנצען געגענד ארום אונ ארום וועסט דוא נים ברויכען זיך בעמיהען אונז צו צייגען דיא וועג, מיר וואונדערט נור איין זאך וואָרום איז ער נאך ניטא, ער האט שוין געבארפט זיין, נור איך רעכען ער האט זיך אין בית המדרש פארשלאפען, אויף יעדען פאל מוז איך דא ווארטען, א דיא שטונדען וועט ער קומען. גאכט איז נאך געווען גרוים סעגליך עס וועט דויערין נאך אפאר

— אין וועלכען בית המדרש האסט דוא איהם איבער געלאזען — פאט דער קרעטשמער געפרעגט —.

— איך האב מיין ברודער איבער געלאזען אין בית המדרש וואס איז געבויט אויף יענע זייט שטאדט. וואו רבי עקיבא לערינט דארט מיט זיינע תלמידים, ווייל מיין ברודער האט דאקטען גענומט אביסעל ווארטען, ער האט געפרובט בעקומען געלד פון רבי עקיבעס א תלמיד, נור דיא נאכט נים שפעטער מוז ער אהער קומען נים אנדערש, מיר מוזען פארטרען דא נים ווייט אפ קויפען דעם וואלד, ער ווייסט ווען ער וועט דיא נאכט נים קומען וועט דאס אנאנדערער אבקויפען, וועלען מיר מוזען פאר ליהרען אונזערע האנד געלט וואס מיר האבען געגעבען.

## ו.

דער קרעטשמער האט געוואוסט דאס דער הער וואס צוא איהם ניהערט דיא קרעטשמע אונ דער וואלד פארקויפט ער דעם וואלד. דער פאר האט ער געגלויבט וואס רבי מאיר האט איהם ערציילט, אונ ער האט בייא זיך געטראכט, יעטצט וועל איך פאנגען אגרויסען מהייערען פיש... אקליינינקייט, זייא ווילען (ר"ם בעל הנס)

קויפען

קויפען אוואקד , געווים טראגען וויא בייא זיך אגרויסע סומע געלד , דארום האט ער געזאגט צו רבי מאיר'ן — דוא האסט רעכט דוא וועסט דא אין קרעטשמע בלייבען נעכטיגען ביז דיין ברודער וועט קומען צו דיר , נור זאג מיר וויא רופט מען דיין ברודער ? איך וויל וויסען זיין נאמען , ווייל איך גייא יעטצט אין שטאדט . איך ברויך דארטען האבען זייער איין נייטהיגען געשעפט , פיליייכט וועל איך גייענדיג איהם טרעפען אויף דעם וועג , וועל איך איהם איבער געבען פון דיר אפריינדליכען גערוס, זאל ער זיך פרייען, פערגעניגען האבען , און דו קאנסט מיר גלויבען דאס איך האב גרויס פערגעניגען ווען איך קאן מענשען ערפרייען מיט נייעס .

רבי מאיר האט גיזעהען דאס דער קרעטשמער רעדט פאלש , ער האלט זיינע ליפען האלב פארב׳סען און די בעטרוג ליגט איהם אויף זיין פנים . . . , האט רבי מאיר זיך געמאכט ניט פארשטייענדיג און ער האט איהם גיענטפערט : אגרויסען דאנק דיר מיין ליבער גוטער הער , איך זעה פון דיין געזיכט און הער פון דיינע רייד דאס דוא בינסט אגוטער און אנגעפאלינער הערר , דוא ווילסט פרעמדע מענשען טאהן טובות , דער פאר פרייא איך מיך זייער וואס איך בין מיט דיר בעקאנט געווארען , אונזער בעקאנטשאפט וועט דיר פיל נוטצען בריינגען , איך מיט מיין ברודער וועלען קויפען דעם וואלד וועסט דוא בייא דעם געשעפט פארדינען , און איך וועל דיר דאנקבאר זיין פאר דיינע פריינדליכקייט צו מיר , יעטצט גייסט דוא אין שטאדט , מעגלי[ך] דוא וועסט מיין ברודער באגעגענען אויף דעם וועג , ער טראגט בייא זיך אגרויסע סומע געלד , און מעגליך ער איז נאך אין בית המדרש , אויב דוא טרעפסט איהם , זאלסט דוא איהם פריינדליך גריסען , זאג איהם דאס איך ווארט דא אין קרעטשמע אויף , און ער זאל וואס שנעלער קומען , זיין נאמען איז „כי טוב" : . . .

(ר״מ בעל הנס)

דער קְרֶעמְשְׁמָער הָאט נִיט פַארְשְׁטַאנֶען דָאס רבי מאיר פַאר שְׁטֵייט אִיהם, עֶר הָאט בַּייא זִיךְ גֶעטְרַאכְט; אִיךְ מוּז זַיין וָואס שְׁנֶעלֶער אִיהם עֶנְטְגֶעגֶען, פִילֵייכְט טְרֶעף אִיךְ אִיהם, וֶועל אִיךְ מַאכֶען מִיט אִיהם אַסוֹף אוֹיף דֶעם וֶועג, עֶר וֶועט נִיט דֶערְלֶעבֶּען צוּ זֶעהְן זַיין בְּרוּדֶער, אוּנ בֶּאֱמֶת אִיז דָאךְ פִיל גְרִינְגֶער דִיא צְווֵיא טוֹיטֶען אַיינְצִינְוֵויס, וִויא בֵּיידֶע אוֹיף אֵיין מָאל צוּ נֶעמֶען:

# ז.

דער קְרֶעמְשְׁמָער הָאט פִיל צֵייט נִיט פַארְלָארֶען, עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעצוֹיגֶען זַיינֶע בֵּייזֶע קְלֵיידֶער, אוּנְטֶערִין מַאנְטֶעל הָאט עֶר בֶּעהַאלְטֶען אַגְרוֹיסֶע שַׁארְפֶע הַאק, רבי מאיר הָאט דָאס גִיזֶעהֶען הָאט עֶר זִיךְ אַבִּיסֶעל עֶרְשְׁרָאקֶען; דֶער קְרֶעמְשְׁמָער הָאט גֶעזָאגְט צוּ אִיהם; דוּא וואוּנְדֶערְשְׁט זִיךְ גֶעוִויס פַאר וָואס אִיךְ גֶעהם מִיט זִיךְ אַהַאק, דַארְפְסְט דוּא וִויסֶען דָאס אַלֶע וֶועגֶען זַיינֶען נִיט זִיכֶער, דֶער בֵּייזֶענְדֶער שְׁטֵייט אִין גֶעפַאהר. עֶר קָאן טְרֶעפֶען אַבֵּייזֶען הוּנְד, צַאהוּנְגֶערִיגֶען וָואלְף, אָדֶער אַמֶענְשֶׁען וָואס אִיז נָאךְ עֶרְגֶער וִויא אַווילְדֶע חַיָה, דַארְף דֶער בֵּיינְיינְדֶער זַיין פַארְזִיכְטִיג, עֶר מוּז הָאבֶען בַּייא זִיךְ גִיוֶועהר, עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען אִין אַצוּפַאל אַשְׁלֶעכְטֶען, זִיךְ רֶעטְטֶען, אָ, שׁוֹין נִיט אֵיין מָאל הָאבּ אִיךְ מִיךְ מִ״ין לֶעבֶּען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן טוֹיט דוּרךְ דִיא הַאק, פִיל מָאל הָאט גֶעטְרָאפֶען דָאס אֵיין וָואלְף אִיז גֶעקוּמֶען מִיר עֶנְטְגֶעגֶען, עֶר אִיז גֶעוֶועזֶען זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, עֶר וָואלְט מִיר גֶעוִויס צוּ רִיסֶען, וִויא עֶר אִיז גֶעקוּמֶען נָאהֶענְט פוּן מִיר, הָאבּ אִיךְ אִיהם מִיט אֵיין קְלַאפּ אוֹיף זַיין קָאפּ מִיט דִיא הַאק טוֹיט גֶעשְׁלָאגֶען.

— ווּאַיל אִיז דֶעם מֶענְשֶׁען וָואס עֶר אִיז פָארְזִיכְטִיג.

— הָאט רבי מאיר גֶעעֶנְטְפֶערְט — נוּר דֶער מֶענְשׁ וָואס לֶערְינְט תּוֹרָה אוּנ עֶר אִיז פְרוּם. עֶר אִיז מְקַיֵים וָואס עֶר לֶערְינְט, יֶענֶעס (ר״מ בעל חנס)

יענעם מענשען בעשיצט דיא תורה, ער ברויך קיין געוועהר,
דיא תורה איז בעסער וויא אגוטער פאנצער.

— וויא עס ווייזט אויס — האט דער קרעטשמער געזאגט צוא זיך אליין, איז דער רייזענדער אלמדן, אונ אפרומער, אט וועל איך זעהען וויא זיין תורה אונ זיינע מצות וועלען איהם באשיטצען פון מיין האנד.

# ח.

אין יענעם אויגענבליק האט דער קרעטשמער פארלאזען די קרעטשמע, אויף דעם וועג איז געוועזען פינסטער פארוואלקענד, אקליינער רעגען איז געגאנגען פון אויבען, אבלייז נאך אבליץ אדונער נאך אדונער וואס ווייטער איז געווארען דער רעגען שטארקער, נאר דעם קרעטשמער האט דער רעגען ניט אפגעהאלטען, ער איז געגאנגען מיט גרויס רציחה אויף דעם וועג וואס עס פיהרט אין שטאדט, פיליייכט וועט ער טרעפען רבי מאיר׳ס ברודער אויף דעם וועג, ער איז געגאנגען אונ האט געטראכט דעם נאמען „כי טובי״ ער זאל איהם ניט פארגעסען, אבער ער האט אויף דעם וועג איהם ניט געטראפען, איז ער געגאנגען אזוייטע וועג אונ ער איז געקומען אין בית המדרש וואו רבי מאיר האט איהם באצייכענט דעם ארט וואו ער האט געלאזען זיין ברודער „כי טובי״ דער קרעטשמער האט דארטען געפרעגט ביא פיל מענשען, וועמען ער האט געפונען אין בית המדרש וואו איז „כי טובי״ אויך ניעענדיג אויף דעם וועג וועמען ער האט געטראפען האט ער דיא זעלביגע פראגע געפרעגט, צו זיינעם בעדויערען האבען אלע איין נאך געענטפערט דאס זיא ווייסען ניט וואו ער איז אונ זיא האבען איהם קיין מאל ניט געזעהען, אויך ניט געהערט קיין מאל פון אמענשען וואס זיין נאמען איז „כי טובי״. אזאנצע נאכט האט איהם דער קרעטשמער געזוכט, זיינע

(ר״מ בעל הנס)

קליידער זיינען נאס (צו ווייקט) געווארען פון רעגען , ער האט געזעהען דאס זיין זוכען איז אומזאנסט , האט ער אנגעפאנגען צו פארשטיין דאס דער בייזענדער האט איהם אפגענארט , איז ער שטארק אין כעס געווארען , ער איז געגאנגען צוריק אין זיין קרעטשמע , דיא גאנצע וועג האט ער געפלוכט דעם בייזענדען , אז ער איז געקומען אין קרעטשמע איז שוין געווען גרויסער טאג , דיא זאנע האט שוין לאנג אויפגעשיינט , דער קרעטשמער האט געטראפען וויא רבי מאיר האט זיך שוין לאנג אפגעוואשען , אפגעדאווענט , אפגעגעסען אונ געזאטעלט זיין אייזעל , זיך געזעצט אויף איהם רייטען , גיין זיין וועג וואו ער ברויך .

וויא דער קרעטשמער האט איהם געזעהען , איז ער נאך מעהר אין כעס געווארען , אונ מיט גרויס געשרייען האט ער צו איהם געזאגט איך האב געגלויבט אז דוא ביזט אפיינער מענש איך האב גירעכענט אז דוא ביזט איין ערליכער מאן , דוא וועסט קיין ליגען זאגען , נור יעצט זעה איך דאס איך האב אין דיר אגרויסע טעות געהאט , דוא ביזט אליגנער , אפאלשער מענש , אדרבה זאג דוא אליין , ווארום האסט דוא מיר אפגענארט ? האב איך דען דיר גיפרעגט ; אויב דוא האסט אברודער אדער ניין ? אמענש זאל זיך אויסטראכטען אזא ליגען וואס פאר איין אורזאכע האט דיר געבראכט מיר אזוי פיעל אב צוא נארען ? ביידענדיג איז ער נאך מעהר אין כעס געווארען , ער האט גיקריצט מיט דיא ציינער אונ האט גערעדט אזעלכע שלעכטע נארישע רייד וואס עס פאסט ניט איבער צו ריידען .

— חלילה ! — האט רבי מאיר גיענטפערט — איך האב דיר ניט אפגענארט , איך האב פיינד צו זאגען ליגען , אויף מיין גאנצען לעבען האב איך קיין ליגען געזאגט , נור יעצט וועל איך דיר זאגען דיא אורזאכע דערפון דיא מעשה איז אזוי : וויא איך בין אהער אין קרעטשמע געקומען אונ איך האב דיר נור דער זעהען , האב איך דיר ניט גערעכענט פאר אפיינעם מענשען וויא



דוא

דוא זאגסט אויף מיר, איך האב געזעהען פון דיינע אויגען אז
דוא ביסט ניט אגלאטער איינפאכער מענש... דער צו האט זיך
מיר געחלומ'ט זייער אשרעקליכען חלום, אט וויא איך האב
נור איין געדרעמעלט האט זיך מיר געדוכט אז דוא פיהרסט
מיך טיעף אין וואלד אריין אונ דארטען האסט דוא מיך איבער
געגעבען צו שלעכטע מענשען אין זייער האנד, זייא האבען מיך
אנגעפאנגען שטיקען מיין האלדז. פון גרוים יסורים אונ שרעק
האב איך אויף געוואכט, אונ איך האב געזעהען וויא דו שטייסט
איבער מיר אונ זאגסט דאס דוא וועסט מיר פיהרען ווייזען דיא
וועג איז געפאלען אשרעק אויף מיך, נור גאט האט געטאהן
מיט מיר אנס. עס איז מיר געלונגען געווען דיר צו זאגען איין
אנטווארט וואס דאס איז קיין ליגען, ווייל דיא גאנצע נאכט
האב איך געווארט אויף דיא ליכטיגע זונן זיא זאל אויפשיינען.
דער טאג זאל קומען. דער טאג איז אגוטער ברודער אין איין
נויטה אין אצרה וואס קאן ביא נאכט טרעפען חלילה דורך
גזלנים, רויבער מערדער אונ ווילדע חיות, דורך דיא ליכטיגקייט
פון טאג קאן מען געראטעוועט ווערען פון זייערע הענד, אט אין
דיא הענד פון דעם טאג בעהאלט דער מענש זיין לעבען אונ
זיין גאנצען פארמעגען; אונ ביא נאכט לערינט ער דיא תורה
וואס זיא איז געגליכען צו אליכט וואס לייכט אין אפינסטערע
נאכט. דיא תורה בעשיטצט דעם מענשען פון טויט שרעקעניש,
גאט האט געזעהען דיא ליכטיגקייט דאס זיא איז גוט. האט ער
איהר איין נאמען געגעבען "כי-טוב" אט דער "כי טוב" דיא
ליכטיגקייט איז מיין ברודער. אויף דעם ברודער דיא ליכטיגקייט
האב איך געווארט אגאנצע נאכט אונ אויף דעם טהייערען גוטען
ברודער האב איך געזאגט ברוך הבא!

— אבער ווארום האסט דוא מיר געזאגט דאס דיין ברודער
איז אין בית המדרש? — האט דער קרעטשמער געפרעגט.

— ווייל אין בית המדרש לערענט מען דיא תורה — האט

רבי מאיר געענטפערט. — און די תורה ניט נוצע געדאנקען וויא צו היידען און וואס צו מאחן דורך די תורה געפינט אמענש אנוטען כאמת אין אנויט, די תורה רעכענט איהם פון אלע אונגליקען. רבי מאיר האט געענדיגט ריידען, און איז גליקליך אוועק געריטען אויף זיין אייזעל.

# ט.

רבי מאיר פלעגט אלע פרייטאג צו נאכט דרשענען אין בית המדרש באלד נאך קבלת שבת, און אנעלערענטע פרויא איז אלע מאל געקומען הערען זיינע קלוגע דרשות. עס האט אמאל גיטראפען דאס די דרשה האט געדויערט צלאנגע צייט, עס האט זיך פארצוינגען שפעטליך אין דער נאכט. און די פרויא איז גיזעסען אין די ווייבערשע שול ביז ער האט געענדיגט זיין דרשה.

נאך דער דרשה איז זיא געגאנגען אהיים, זיא איז געקומען צו הויז האט זיא דארט געפונען די ליכט אויס גיברענט, אין שטוב איז גיוועזן פינסטער איהר מאן האט אויף איהר געשריען: וואו ביסט דוא אזוי שפעט גיוועזן? גיי אנדערש, דוא ביסט מיר אונטריי גיווארען...

די פרויא האט געוויינט מיט ביטערע טרעהרען. זיא האט געזאגט: גאט איז מיין עדות (צייגער) אז איך בין ריין פון זינד, איך האב מיין נפש ניט מטמא גיוועזן חלילה. איך בין דיר געטרייא מיט איין אמת.

— זאג מיר — האט איהר מאן געשריען — וואו, אין וועלכען ארט און ביי וועמען ביסט דוא אזוי שפעט גיוועזן, פון וואנען קומסט דוא יעצט אזוי שפעט אין דער נאכט.

— איך בין געוועזן אין בית המדרש — האט די פרויא זיך פארטיידיגט — איך האב געהערט די דרשה וואס רבי מאיר

האט געדרשנט, ער האט אזויא גוט און קלוג גערעדט אז איך האב ניט געקאנט אוועק גיין ביז צו ענדע.

— אזוי? — האט דער מאן געשריען — רבי מאיר האט דיר אזוי לאנג אזוי שפעט אויפגעהאלטען אין בית המדרש מיט זיין דרשה, גייא און שפייא איהם אין זיין פנים אריין, דענסטמאל אז דוא וועסט אזוי טאהן, וועל איך דיר מוחל זיין פאר וואס דוא ביסט געקומען אזוי שפעט. אבער ווען דוא וועסט דאס ניט טאהן זאלסט דוא אין מיין שטוב ניט אריינקומען. הערסט דוא פארפלוכטע פרויא? איך זאג דיר אן שטרייננג דאס דוא זאלסט זיך אין מיין שטוב ניט איינגעפינען, ביז דוא וועסט ערפילען מיין וואונש, איך באפעל דיר צו טאהן, מוסט דוא דאס טאהן, אנדערש טאהרסט דוא זיך פאר מיינע אויגען ניט ווייזען.

ריידענדיג דיא ווערטער האט ער איהר ארויס געטריבען פון שטוב מיט גרויס רציחה, ער האט געטאהן אהן אשום ערבארעמונג אויף דיא עלענדע פרויא.

דרייא וואכען צייט האט דער שלעכטער מאן זיין אונ-שולדיגע פרויא אין זיין שטוב ניט אריין געלאזען, און ער האט זיך געהאלטען ביי זיינע ווערטער וואס ער האט געזאגט; אויב זיא וועט ניט שפייען רבי מאיר'ן אין זיין פנים אריין. טאר זיא צוא איהם אין שטוב ניט קומען.

דיא פרויא איז אבער געוועזען אגרויסע צנועה, אגאטטעס פארכטיגע, זיא האט ניט געוואלט טאהן אזא גרויסע שרעקליכע זאך. ווייל רבי מאיר'ס כבוד איז ביי איהר זייער טייהער, זיא האט איהם געשעצט וויא מען בארף שעצען אזא היילגען געטליכען מאן.

— וויא אזויא קאן איך גיין צוא אזא היילגען מאן שפייען אים אין פנים? — האט זיא צו זיך אליין געזאגט מיט אין ביטערע

(ר"מ בעל הנס)

ידיגע בעטריבטע הערץ — איך וועל נאך זיך דא זאך פארזינדיגען מיינע יאהרען .

זיא האט זיך אזוי לאנג געוואלגערט אין פרעמדע הייזער : ביז איהרע שכנים האבען זיך פון דער גאנצער מעשה דער וואוסט . האבען זייא צו איהר אזוי געזאגט : דוא נאלסט וויסען אז דיין מאן איז אגרויסער עקשן , ער וועט דיר אנדערש ניט מוחל זיין אונ אין זיין שטוב ניט אריינלאזען ביז דוא וועסט טאהן זיין פערלאנג , אלזא מוסט דוא דאס טאהן , דוא מוזט גיין צו רבי מאיר'ן אונ איהם שפייען אין זיין געזיכט , דוא מוסט וויסען דאס רבי מאיר איז אגוטער פיינער מענש , אגרויסער צדיק אונ האלט זיך קליין , איין איבער גאטירליכער ענו , ער וועט אויף דיר רחמנות האבען אונ ער וועט אויף דיר קיין פאר איבעל נעהמען פאר דעם וואס דוא וועסט איהם שפייען אין געזיכט , קום מיט אונז צו איהם . ער וועט דיר געוויס רעטען פון דיין צרה :

דיא פרויא האט זיך געלאזט איינרעדען , זיא איז מיט זייא געגאנגען צו רבי מאיר'ן , דען וואס טהוט ניט אמענש פון נויט ? זיא מיט איהרע שכנים זיינען אלע צוא זאמען געקומען צוא רבי מאירן אין שטוב .

י׳.

אין יענער צייט איז רבי מאיר געזעסען מיט זיינע תלמידים וויא גע. עהנליך אלע מאל אונ האט מיט זייא געלערענט תורה אונ חכמה .

וויא רבי מאיר האט דער זעהען די . פרויא האט ער צו זייא געזאגט , איז ניטא ביי אייך אפרויענצימ ר וואס קאן אפ-

(ר״מ בעל הנס)

שפרעכען

שפרעכען איין „עין הרע“ אויף מיין אויג. מיר פלעגט טאקע אזוי טאן אין אויג, דער צו מוז זיא מיר שפייען אין פנים *)

דיא פרויא מיט אירע שכנים האבען זיך ניט ווענינ געוואונדערט צו הערען זיינע רייד, זייא האבען געזעהען דאס רבי מאיר איז אנטליכער מאן אין אמת׳ר נביא, ווען ניט, פון וואנען וואלט ער וויסען צו וואס (צו וועלכען צוועק) זייא זיינען צוא איהם געקוממען.

דיא שכנים האבען געזאגט צוא דער פרויא; זייא צוא געהענטער צוא איהם, מאך זיך עפעס רייד׳ענדיג וואס דו ווילסט, נור שטילערהייט, קיינער זאל ניט הערען וואס דוא זאגסט, ער וועט מיינען אז דוא שפרעכסט איהם אפ א עין הרע, אונ שפייא איהם אין פנים, וועסט דוא נאכדעם באלד קאנען זיין אהיים, מיר וועלען זיין עדות (צייגער) אז דוא האסט געפאלגט דיין מאן:

דיא פרויא איז געשטאנען אקוראד וויא אלוימענער גולם, זיא האט זיך געשראקען צו שפייען דעם גרויסען חכם אין פנים. זיא האט שטילערהייט געזאגט; וויא איז מיר, מיין הערר. איך קאן ניט אפשפרעכען א עין הרע, איך קאן קיין ליגען זאגען.

— דיין פנים זאגט עדות דאס דוא בינסט קראנק — האט רבי מאיר געזאגט צו איהר — קום אהער צו מיר, מיין טאכטער, שפייא מיר אין פנים, וועסט דוא באלד געזונד ווערען, שפייא! איך פערלאנג דאס אונ באפעל דיר דאס דו זאלסט מיר שפייען, שפייא זיבען מאל מיר אין פנים וועסט דוא געהאלפען ווערען.

דיא פרויא האט צו געטרעטען נאהענט צו איהם מיט

---

*) דער מנהג איז וועז איינער שפרעכט אפ אנאנדערען איין „עין הרע“ אדער ער פארעט איין אויגען קראנקהייט, לעקט ער אפ מיט זיין צונג יענעם ארט אונ שפייט אויס, אנדערע זיינען זיך נוהג ארויף צו שפייען אויף די אפגעשפראכענע אויג. יהל״ם.

גְרוֹיס שְׁרֶעק הָאט זִיא גֶעטָאהן אַזוֹיא ווִיא רבי מאיר הָאט

אִיהר בַּאפוֹילֶען •

— יֶעצְט גֵייא צוּ הוֹיזֶע — הָאט רבי מאיר גֶעזָאגְט צוּא אִיהר — אוּנ זָאג דַיין מַאן; דוּ הָאסְט מִיר בַּאפוֹילֶען צוּ שְׁפֵּייעֶן אִיהם אִין פָּנִים אֵיין מָאל אוּנ אִיךְ הָאבּ אִיהם גֶעשְׁפִּייעֶט זִיבֶּען מָאל;

ווִיא דִיא פְרוֹיא מִיט דִיא שְׁכֵנִים זֵיינֶען אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען, הָאבֶּען רבי מאיר'ס תַּלְמִידִים גֶעזָאגְט צוּ אִיהם: רַבֵּנוּ! ווִיא אַזוֹי עֶרְלוֹיבְּסְט דוּ אַפְרֶעמְדֶע פְרוֹיא זָאל דִיר שְׁפֵּייעֶן אִין פָּנִים? דָאס אִיז דָאךְ אַשַׁאנְדֶע פַאר דֶער תּוֹרָה. אַלֶע חֲכָמִים וָואס וָועלֶען הֶערֶען וָואס דוּא הָאסְט זִיךְ עֶרְלוֹיבְּט מֶען זָאל דִיר טָאהן, וָועלִין זֵייא דָאךְ פוּן דִיר לַאכֶען•

— צוּ לִיבּ שָׁלוֹם — הָאט רבי מאיר גֶעזָאגְט — דַארְף מֶען אַלֶעס טָאהן. גָאטְט הָאט צוּ לִיבּ שָׁלוֹם צוּ ווִישֶׁען מַאן אוּנ ווַייבּ גֶעהֵייסֶען (בַּאפוֹילֶען) מֶען זָאל זַיין נָאמֶען אָבְּמֶעקֶען אִין דִיא „בִּיטֶערֶע וַואסֶער“ דָאס הֵייסְט וָוען אַמַאן הָאט חוֹשֵׁד גֶעוֶוען זַיין פְרוֹיא דָאס זִיא אִיז אִיהם אוּנְטְרַייא . . . פַאלְשׁ, פְלֶעגְט דֶער כֹּהֵן אוֹיפְשְׁרַייבֶּען גָאטְטֶעס נָאמֶען אוּנ אָבְּמֶעקֶען אִין דָאס וַואסֶער אַזוֹי ווִיא דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה שְׁרַייבְּט, דַארְפֶען מִיר זִינְדִיגֶע מֶענְשֶׁען גֶעווִיס נִיט שְׁטָאלְץ זַיין. מִיר דַארְפֶען זִיךְ עֶרְלוֹיבֶּען צוּא טָאהן אַקְלֵיינִיגְקֵייט ווִיא אַשְׁפֵּייא אִין פָּנִים, אַבִּי צוּ לִיבּ דֶעם וֶועט זַיין צוּ ווִישֶׁען מַאן אוּנ פְרוֹיא שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה•

## י״א•

רבי מאיר הָאט גֶעהַאט אַשְׁווֶעגֶערִין (דִי ווַייבְּס אַשְׁווֶעסְטֶער) וֶועלְכֶע אַשֵׁיינֶע מֶעדְכֶען, דִיא רוֹימֶער הָאבֶּען אִיהר גֶעפַאנְגֶען גֶענוּמֶען אוּנ אַוֶועק גֶעשִׁיקְט אִין רוֹים, זֵייא הָאבֶּען אִיהר

איינגעשפארט

(ר״ם בעל הנס)

געשפּאַרט אין געפיינגענים ניט וואו אַרעסטאַנטען זיטצען, נור וואו אונ אָרדענטליכע מענשען זיינען.

רבי מאיר'ס פרויא האט זיך זייער געשעמט דאס איהר שוועסטער זאל זיין אין אזא שענדליכע הויז, האט זיא געבעטען איהר מאַן ער זאל שנעל גיין נאך רוים איהר בעפרייען פון דיא מערדער.

— איך וועל גיין — האט רבי מאיר געזאגט — אונ אויב זיא איז נאך פרום אונ אונשולדיג, וועט געוויס גאָט מיט מיר מאַכען איין נס איך זאל איהר קענען בעפרייען. רבי מאיר האט גענומען פיל געלד מיט זיך, ער האט זיך פאַרקליידעט וויא אַרוימישער ריטטער, אויף זיין געזיכט האט ער אָהן געצויגען אַמאַסקע, אונ ער איז געקומען אין דאס הויז וואו זיין שוועגערין איז געווען, וויא ער האט זיך איבערצייגט דאס זיא איז אונשולדיג, האט ער אַראָפּ גינומען די מאַסקע פון זיין פנים, האט זיא אים ערקאַנט, זיא האט זיך אַזוי ערשראָקען אַז זיא האט ניט גיקאָנט ריידען מיט איהם אַ וואָרט, זיא האט נור געוויינט, רבי מאיר האט איהר געטרייסט, גערעדט מיט איהר נוטע רייד, ער האט צו איהר געזאגט, ניין ניט מיין שוועסטער, איך וועל דיר בעפרייען ווייל איך האף צו גאָטט דאס ער וועט מיר טאָהן איין נס איך זאל דיר קענען אויס לייזען פון דיא מערדערישע הענד, אונ פון דעם שענדליכען אָרט.

רבי מאיר האט שטאַרק געבעטען דעם סמאָטריטעל פון יענע הויז, ער זאל דאס מיידכען בעפרייען ער האט איהם גינעבען פיעל גאָלדשטיקע אונ ער האט צוא איהם געזאגט: אויב דער קעניג וועט איהר פאָדערן פון דיין האנד, וועסט דוא איהם געבען העלפט פון דיא גאָלדשטיקע אונ דיא צווייטע העלפט וועט בלייבען פאַר דיר, דוא ווייסט דאך דאס מיט געלט פאַר ענטפערט מען אַלע פראַגען...

*) בעל חנם

פילייכט

— פילייכט וועט אבער דיא געלד גראדע דעם מאל ניט העלפען ? — האט דער שמאטריטעל גיפרעגט.

— אויב דוא וועסט מיר היינט טאהן דיא טובה און איהר בעפרייען — האט רבי מאיר געזאגט — וועט מיין גאט דיר מציל זיין פון אלע אונגליקען, איך וועל דיר איבער געבען אשפרוך פון עטלעכע ווערטער, דוא וועסט זאגען „מאיר'ס גאט ענטפער מיר". אט דיא קורצע געבעט וועט דיך רעטטען פון אלע צרות.

— גיב מיר אצייכען אז דאס איז אמת וויא דוא זאגסט האט דער שמאטריטעל געזאגט.

— גוט האט רבי מאיר גיענטפערט — איך וועל דיר נייזען אריכטיגען צייכען, אט בייא איך זיינען פאראן הינט וואס קאנען צו רייסען אמענשען און איהם אויף עסען, פרובּיר מאך זייא לויז פון דיא קייטען, איך וועל אויף זייא נווארפען שטיקער ערד, וועלען זייא דאך געוויס בייז ווערען און זייא וועלין לויפען צו מיר שלעכטעס טאהן, אבער וויא איך וועל זאגען „מאיר'ס גאט ענטפער מיך": וועלען זייא מיר גיט קאנען קיין שלעכטעס טאהן, דארפסט דוא אבערעו צייכען ? .

דער סמאטריטעל האט לויז געמאכט דיא הינט פון זייערע קייטען און רבי מאיר האט אויף זייא געווארפען שטיקער ערד. זיינען דיא הינט געלאפען צו איהם, זייא האבען איהם געוואלט צו רייסען, האט רבי מאיר געזאגט: מאיר'ס גאט ענטפער מיך" זיינען דיא הינט שטיל געבליבען, זייא האבען גיט געבילט און איהם קיינע שלעכטעס גיט געטאהן.

וויא דער סמאטריטעל האט דאס גיזעהען, האט ער בייא איהם צו גענומען דאס געלד, און דאס מיידכען האט ער בעפרייט, האט איהר רבי מאיר צו גענומען און זייא זיינען אנטלאפען.

נאכדעם האט זיך דער קעניג דער וואוסט פון דער זאכע וואס דער סמאטריטעל האט געטאהן, איז דער קעניג שטארק אין כעס געווארען און ער האט בעפוילען זיינע קנעכט זייא

זאלען איהם אויפהייגגען , וויאבדיא קנעכט האבען איהם געוואלט אויפהייגגען האט דער סמאטריטעל געזאגט : „מאיר'ס גאטט ענטפער מיר״ ! דעם קעניגס קנעכט האבען איהם ניט געקאנט אויפהיינגען . דער קעניג האט דיא זאך געהערט. האט ער זיך זייער געוואונדערט , דער סמאטריטעל האט דעם קעניג ערציילט וואס רבי מאיר האט געמאכן אונ וואס ער האט איהם בעפוילען , איז דער קעניג אין כעס געווארען אויף רבי מאיר'ן , ער האט גענומען זיין בילד אונ האט קופירט פון איהם פיל בילדער אונ ער האט צו שיקט אין גאנצען לאנד רוים , אונ דער קעניג האט געלאזט בעקאנט מאכען : ווער עס וועט סאפען רבי מאיר'ן וועט איהם דער קעניג רייך מאכען .

דער קעניג האט ארוים געשיקט שפיאנעס זוכען איהם . אמאל האבען איהם דיא שפיאנעס געטראפען איז ער פון זייא אנטלאפען אין אשענקליכע הויז , אנדערע זאגען דאס אליהו הנביא האט זיך פאר קליידעט אין פרויען קליידער אונ זייא האבען זיך געקושט , אין יענער צייט האט מען גיגעסען טריפה פלייש , האט רבי מאיר גענומען מיט זיין האנד אשטיקעל טריפה פלייש אונ ער האט זיך געמאכט עססענדיג , וויא דיא שפיאנען האבען דאס גיזעהען האבען זייא געזאגט : דאס איז ניט רבי מאיר דער יודישער גילעהרטער וועלכען מיר זוכען . יענער רבי מאיר וועט זיך ניט קושען מיט איין נקבה אונ ער וועט ניט עססען טריפה פלייש , דורך דעם איז רבי מאיר גירעטעט גיווארען פון זייערע הענד , אונ ער איז אנטלאפען אין בבל .

## יב.

רבי מאיר אונ רבי יהודה אונ רבי יוסי זיינען איין מאל געגאנגען אויף דעם וועג . ערב שבת זיינען זייא געקומען אין אפרעמדע שטאדט אונ זייא האבען איינגעקערט אין אהאטעל .

רבי יהודה און רבי יוסי האבען זייערע געלד גיגעבען בעהאלטען דעם בעל הבית, אבער רבי מאיר האט גענומען זיין געלד און אוועק געטראגען אויף דעם בית עולם און האט זייא בעגראבען אין א קבר, אין קבר איז גילעגען דעם בעל הבית פאטער.

פרייטיג צו נאכט איז געקומען דער טויטער צו חלום זיין זוהן און האט צו איהם געזאגט: גייא אויף מיין קבר און נעהם ארויס דאס געלד וואס איינער פון דיינע געסט האט באגראבען בייא מיר אין קבר צו קאפען. דער בעל הבית האט אויפגעוואכט פון שלאף און ער האט זיין חלום ערציילט רבי מאיר'ן, האט רבי מאיר איהם געזאגט דאס וואס אמענשען חלומ'ת זיך שבת בייא נאכט איז ליגען. פון דעסט וועגען האט רבי מאיר מורא געהאט פיליכט וועט ער דאך גיין זוכען דאס געלד, איז רבי מאיר באלד דאס מארגענס אוועק געגאנגען אויף דעם קבר און האט דארט פארבראכט דעם גאנצען טאג ביז נאכט, וויא עס איז נאכט געווארען האט רבי מאיר געדאוונט מעריב און האט זיינע געלד ארויס גענומען פון קבר און איז געקומען אהיים אין האטעל.

זונטיג האבען רבי יהודה און רבי יוסי געבעטען דעם בעל הבית זייער געלד, האט ער געזאגט צוא זייא איהר האט מיר קיין געלד ניגעבען.

— בלייבט רוהיג — האט רבי מאיר געזאגט צוא זיינע חברים — שטארקט אייך און פאלט בייא זיך ניט אראפ איך וועל אייער געלד פון איהם בעקומען. אבער דערנסטמאל אז איהר זאלט מיר פאלגען, און טאהן דאס וואס איך וועל טאהן, קוקט און שווייגט.

רבי מאיר האט אנגעפאנגען צו ריידען מיט דעם בעל הבית פון האטעל און ער האט צו איהם געזאגט:

אזוי וויא מיר זיינען מיט דיר צו פרידען, מיר האבען

נעהאט

(ר״מ בעל הנס)

נעהאט אפערגעניגענדען שבת, ווילען מיר דיר דאנקען או אבשייד נעהמען פון דיר פריילייך לוסטיג, דארום פערלאנג איך פון דיר דוא זאלסט גיין מיט אונז אין איין ווייין הויז מיר וועלען דארטען טרינקען צו בעבער וויין אויף אונזער רעכענונג.

— דיין פערלאנג — האט דער בעל הבית גיענטפערט — גיפעלט מיר זייער גוט. איך גייא מיט אייך.

רבי מאיר מיט זיינע חברים אונ דער בעל הבית פון האטעל זיינען אוועק געגאנגען אין אוויין גישעפט אונ רבי מאיר האט איהם נוט אנגעשיכערט, רבי מאיר האט זיך אין בעל הבית נוט איינגעקוקט אונ ער האט גיזעהען דאס ביי איהם אין באָרד ליגען לינזען, האט רבי מאיר געזאגט שטילערהייט צוא זיינע חברים. איהר זעהעט ביי איהם אין באָרד זיינען פאראן לינדזען, יעצט פארשטייט וואס איהר האט צו טאהן, איך וועל דא בלייבען מיט איהם טרינקען.

רבי מאיר'ס חברים זיינען שטילערהייט ארויס געגאנגען פון וויין הויז... זיינען געקומען אין דעם האטעל אונ זייא האבען געזאגט צו דיא ווירטהין. דיין מאן האט דיר געלאזט דורך אונז בעטען דאס דוא זאלסט אונז אבגעבען אונזער געלד. אונ אלעס צייכען דאס דוא זאלסט אונז גלויבען, האט ער געזאגט דאס היינט האט איהר גיגעסען לינזען.

דיא פרויא ווירטהין האט זייא געגלויבט אונ זיא האט זייא אבגעגעבען זייער געלד.

דער ווירטה פון האטעל האט נאכדעם גיהערט וואס זיין פרויא האט געטאהן האט ער פון גרויס כעס איהר געהארגעט מיט אשארפען שווערד, אונ ער האט בעקומען אשטראף וויא אמערדער דארף בעקומען. — אזא ענדע זאלען האבען אללע בעטריגער וואס ווילען דורך פאלשע גישעפטען רייך ווערען:

(ר"מ בעל הנס) בעסער

בעסער אַשטיקעל טרוקענע ברויט נור עהערליכע פאר האַרעוועטע, אײדער די בעסטע געריכטען דורך די בעטרוג און פאַלשקייט! —.

# י״ג.

רבי מאיר האָט געהאַט איין גוטען פריינד זיין נאָמען איז געווען יהודה פון ענתות. זיי האָבען זיך ביידע זייער ליב געהאַט. דער יהודה איז געווען אַגרויסער רייכער מאַן, ער האָט געהאַט זילבער און גאָלד. שאָף און רינדער, קעמלען אייזלען און פיל גוטעס, אָבער דער מאַן איז געווען אַקאַרגער. ער האָט איין אָרעמאַן פיינד געהאַט, אַנויט בעדירפטיגען האָט ער אַשטיקעל ברויט ניט געוואָלט געבען, רבי מאיר האָט דערפון געהאַט גרויס פאַרדרוס און ער האָט געוואָלט דאָס יהודה זיין גוטער פריינד זאָל ווערען פרימער צו גאָט און בעסער צו לייטען, אַמאָל האָט זיך רבי מאיר פאַרקליידעט, ער האָט זיך אָנגעצויגען אין בעטלער קליידער, און ער איז אַריין געגאַנגען צו יהודה׳ן אין שטוב, ווייא יהודה׳ס קינדער האָבען איהם געזעהען האָבען זייא איהם גיטריבען ווייא אַגנב, איז רבי מאיר אַנטלאָפען און האָט זיך בעהאַלטען אין שטאַל וואו דיא פערד שטייען, ער האָט אָבגעוואַרט ביז יהודה מיט זיינע קינדער האָבען זיך גיזעטצט עסען, איז רבי מאיר אַריין געגאַנגען אין שטוב און ער האָט זיך גיזעצט בייא דעם טיש וואו זייא זיינען גיזעסען, יהודה׳ס קינדער האָבען אויף איהם געשריען, זייא האָבען איהם געוואָלט אַרויס טרייבען, האָט רבי מאיר צו זייא געזאָגט; איך וועל פון דאַנען ניט אַרויס גיין ביז איך וועל עסען בייא אייך אַשטיקעל ברויט, דען איך בין זייער שטאַרק הונגעריג, יהודה׳ס קינדער האָבען אויף איהם זיך ערבאַרעמט זייא האָבען איהם גיגעבען עסען און טרינקען, אַז רבי מאיר האָט אָבגיגעסען. האָט ער גינומען פון טיש אַשטיק ברויט און האָט דאָס געוויזען יהודה׳ן און האָט געזאָגט, איך

ביטע דיר דוא זאלסט מיר געבען דיא שטיק ברויט אונ דאס וועט זיין גערעכענט פאר גאטט פאר אגרויסע „צדקה", האט יהודה צו איהם געזאגט דיר איז ווייניג וואס דוא האסט גיגעסען, געטרונקען עס איז פון דיר איבער געבליבען וואס דוא האסט שוין ניט געקאנט מעהר עססען, ווילסט דוא נאך מיט נעהמען ברויט מיט זיך ? . רבי מאיר האט גיזעהען דאס יהודה איז שטארק אין כעס געווארען, האט ער פארלאשען דאס ליכט, איידער זייא האבען דיא ליכט אנגעצונדען האט רבי מאיר אוים געטאהן זיינע צו ריסענע קליידער, אראב גענומען פון זיך דיא מאסקע, אונ זייא האבען דאס ליכט אנגעצונדען האבען זייא גיזעהען דאס רבי מאיר זיצט בייא דעם טיש, זייא האבען זיך שטארק פארשעמט, זייא זיינען איהם געפאלען צו דיא פים, גיבעטען איהם ער זאל אויף זייא ניט אין כעס זיין, אונ ער זאל זייא מוחל זיין, רבי מאיר האט צו זייא געזאגט: וואס פאר נוטצען וועט איהר האבען וואס איך וועל אייך מוחל זיין, אז גאטט אוי אייך ניט מוחל, דוא זאלסט וויסען דאס גאט איז אויף דיר שטארק אין כעס, ער וועט זיך מיט דיר קורצליך אברעכענען, דוא וועסט אהן אצייט שטארבען, ווייל דוא ביסט קארג, דוא גיבסט קיינע צדקה דיינע ארעמע ברידער, גאט האט דיר פיל גוטעס גיגעבען אונ קיין ארעמאן האט דערפון קיין טובה ניט.

יהודה האט גיהערט דיא רייד פון רבי מאיר האט ער זיך שטארק ערשראקען, ער האט תשובה געטאהן, גיבעטען גאטט ער זאל איהם מוחל זיין, ער האט זיך בעשלאסען דאס ער וועט זיין פארמעגען צו טהיילען האלבס וועט ער לאזען פאר זיך אונ האלבס וועט ער אבגעבען ארעמע לייט, האט רבי מאיר פאר איהם גיבעטען גאטט ער זאל איהם מוחל זיין:

אין יענער נאכט האט גאטט אנגעשיקט אויף דעם יהודה'ס זיינע קינדער ברענענדע שלאנגען זייא צו בייסען אונ טייטען,

(ר"מ בעל הנס)

האט זיך רבי מאיר געשטעלט צו ווישען די מענשען און די שלאנגען, ער האט מתפלל געוועזן צו גאט זיינען זיי געראטעט געווארען פון טויט.

זיי האבען געהערט א שטימע פון הימעל; „אויבען געשטימט מען שלעכטעס, און אונטען איז מען מבטל דאס הייסט: גאט איז נוזר אויף איין מענשען שלעכטעס, קומט איין צדיק און באטעוועט דעם מענשען פון אונגליק.

פון יענער צייט אן איז יהודה מיט זיינע קינדער געווארען פרומע מענשען, זיי האבען פיל צדקה געגעבען און זיי האבען געגלויבט גאט פאר די נסים וואס ער האט זיי געצייגט דורך רבי מאיר בעל הנס, ניצול צוא ווערען פון די ברענענדיגע שלאנגען

# יד.

רבי מאיר האט אלע מאל געגעבען כבוד די מענשען וואס לערנען תורה, ער פלעגט זאגען ווען א געטצענדינער לערינט תורה איז ער ווי א כהן גדול, ער האט געהאט אגוטען פריינד איין פילוסוף א היידע, ער האט איהם געליבט און געשעצט ווי איין אייגענעם ברודער.

רבי מאיר איז געוועזן פריינדליך מיט יעדען מענשען, ער האט ליב געהאט מענשען וואלען לעבען פרידליך, ער האט זיינע תלמידים געלערינט און געזאגט דאס וואו מענשען לעבען פרידליך זיינען זיי גליקליך. דער שלום איז די טהייערסטע זאך. ער פלעגט זיינע תלמידים ערציילען דאס אהרן הכהן האט פיל געטאהן צו ליב צו מאכען שלום ביי מענשען זיי זאלען לעבען פרידליך און דורך דעם האבען פיל מענשען אויפגעהערט צוא זינדיגען

(ר"מ בעל הנס)

ווייל אהרן הכהן האט אזוי געטאהן; ווען ער האט אויף דער גאס געטראפען איין זינדיגע מענשען אשלעכטען, אפארברעכער פלעגט איהם אהרן פריינדליך גריסען. געוועהנליך איז דאס געווען ביי דעם פאר ברעכער אגרויסער כבוד וואס אהרן הכהן גריסט איהם פריינדליך, נאכדעם אז ער האט געוואלט טאהן אזינדע, האט ער ביי זיך געטראכט ווען אהרן וועט דאס הערען, וועט ער מיר נאך אמאל ניט וועלען פריינדליך גריסען, דער פאר האט זיך דער מענש אב געהאלטען פון זינדיגען, אויך האט אהרן הכהן צוא ליב שלום געטאהן אלערלייא מיטלען, ווען ער האט געזעהען צווייא מענשען צאנקען זיך איז ער נאכדעם אוועק געגאנגען צו איינעם פון זייא אונ האט איהם געזאגט: איך האב מיט מיינע אויגען געזעהען וויא יענער האט חרטה פאר וואס ער האט דיך באליידיגט, ער האט פון זיך זיינע האאר פון קאפף געריסען פאר וואס ער האט זיך מיט דיר געצאנקט, ער וויל זיין מיט דיר גוטע פריינד, אהרן האט מיט יענעם אזוי לאנג גערעדט ביז יענער האט מוחל געווען דעם מענשען וואס האט איהם באליידיגט, אונ אזויא האט אהרן געטאהן נאכדעם מיט דעם צווייטען.

אונ נאכהער אז דיא צווייא מענשען וואס האבען זיך געצאנקט, האבען זיך געטראפען, פלעגען זייא זיך קושען אונ זייא זיינען געווארען גוטע פריינד וויא אמאל.

רבי מאיר פלעגט ווייזען זיינע תלמידים אז ער טהוט אויך וויא אהרן הכהן, ער מאכט אויך שלום צו ווישען מענשען וואס צאנקען זיך.

רבי מאיר איז אמאל געקומען אין איין ארט האט ער געזעהען וויא צווייא מענטשען צאנקען זיך, איז ער צוא זייא געקומען אונ ער האט ביי זייא געמאכט שלום, נאכדעם האט זיך רבי מאיר דערוואוסט דאס דיא צווייא מענשען זיינען

גאהענטע שכנים, זייא וואהנען נאהענט איינער פון אנדערען, אבער זייא זיינען זיך גרויסע פיינדע, שטענדיג איז ביי זייא גרויסע מחלוקת, דאס הויפט ערב שבת און דעם גאנצען טאג שבת הערען זייא ניט אויף זיך צו צאנקען, איז רבי מאיר דארט געבליבען דרייא שבתים, און ער האט זייא ניט געלאזען זיך צאנקען, ער האט מיט זייא גערעדט קלוגע רייד ביז ער האט זייא געמאכט אשלום אויף אלע מאל, זייא זיינען געווארען די בעסטע גוטע פריינד. דענסטמאל האט דער שטן געקלאגט און האט אזוי געזאגט: וויא איז מיר, רבי מאיר האט מיך ארויס געטריבען פון דעם ארט וואס איך האב געהאט פערגעניגען.

## דער געטרייער שומר.

א מעשה נורא וואס האט געטראפען ביי דעם קבר פון געפליבען תנא ר"י הסנדלר.

ביי דעם קבר פון דעם תנא ר"י הסנדלר איז פאראן איין קליינער הייל, דאס איז אין אפעלד וואס געהערט צוא איינעם וואס ער איז ניט איוד, דער ווירטה פון פעלד האט דעם גאנצען טאג געפיטערט זיינע שאף אויף דעם פעלד, און פאר נאכט פלעגט ער די שאף צוריין טרייבען אין הייל און ביי דעם איינגאנג פון הייל האט ער געשטעלט זיינעם אדינער ער זאל דארט די גאנצע נאכט שטיין און היטען די שאף, אמאל איז דער ווירטה געקומען דאס מארגענס ביי דעם הייל האט ער געפונען די שאף שטייען ביי דער הייל און זיין דינער איז ניטא דארטען, איז ער שטארק אין כעס געווארען אויף איהם,

(ר"מ בעל הנס) אין

אין אנוילע ארום איז דער דינער געקומען צוא דיא שאף, ער
זעהעט וויא זיין בעל הבית שטייט בייא דיא שאף אונ איז
זייער אין כעס, ער האט אויף איהם געשריען ווארום האסט
דוא געלאזען דיא שאף אליין. ווען עס וואלט פון זיא איינער
געפעהלט וואלט איך דיר אויף שטיקער צוריסען.

— האט קיין מורא ניט — האט דער דינער געזאגט —
איך האב דיא שאף געלאזען בייא איין געטרייען שומר ער היט
זיא, פון איהם קען מען ניט גאנבענען.

— וואו איז דיין געטרייער שומר? — האט דער ווירטה
עפרענט — איך האב דאך דא קיינעם ניט געפונען, דעם
געטרייען שומר האט דער דינער גיענטפערט — איז שווער צו
זעהען, ווייל דאס איז דער צדיק וואס ליגט באגראבען בייא
דעם קייל.

אזויא? — האט דער ווירטה געשריען דוא לאכסט נאר
פון מיר? ביידענדיג האט ער דעם דינער שטארק געשלאגען —
אונ ער האט געפלוכט דעם צדיק אונ ער האט איהם שטארק
... גיש געווען: ער האט נאך געהאלטען אין פלוכען דעם צדיק
... גאטט אבער אומגעדרייט זיין מויל פון הינטען ער האט
... געקאנט מעהר ריידען אונ שטיין ער איז געפאלען אויף דער
... אונ ער האט ניט געקאנט אויף שטיין.

ווייא דער דינער האט דאס גיזעהען, איז ער געלאפען
... ט גרוים שרעק זייער שנעל אנזאגען אין דארף, דיא אלע
... רפם לייט האבען זיך פערזאמעלט אין פעלד זעהען דעם
... ונדער, זייא האבען מקריב געווען אשאף פאר אקרבן לכבוד
... צדיק, איז ער געזונד געווארען, ער האט פון דענסטמאל
(ר״מ בעל הנס)
א

אַן ניגעבען דעם צדיק גרויס כבוד , ער האט אויף זיין קבר אַן
געצונדען צלאמפ מיט ריינע בוימעל .

בייא נאכט איז ער אַריין אין שטיבעל אויף דעם קבר
וועהען אויב דער לאמפ ברענט ; האט ער געפונען דארטען
פינסטער ווייל די בוימאייל האט אמיה אויס געלעקט האט ער
געוואונט צו דעם צדיק ; ווארום לאזט דוא די מיה אויס טרינקען
די בוימאייל ? אויף מארגען האט ער אריין געגאסען פרישע
בוימאייל , בייא נאכט איז ער געגאנגען וועהען אויב דער לאמפ
ברענט , האט ער דארט געפונען אמיה שטייט בייא די
בוימאייל די מויל קאן זיא ניט עפענען אונ קען ניט אוועק
גיין פון ארט , האט ער איהר געהארגעט .

פון דענסטמאל אהן האט ער געגלויבט דאס דער צד
איז אהיילינגער מאן , אונ אנגעטרייער שומר , דער פאר האט
צלע זאכען זיינע דארטען אין הייל בעהאלטען , איז ער גיו
זיכער דאס פון דארטען וועט קיינער ניט קאנען אר
נאנבענען .
איין מאל האט ער פון זיין פעלד אב געשניטען טא
אונ ער האט זייא בעהאלטען אין הייל אונ ער האט געבע
דעם צדיק דאס ער זאל די טאבאק היטען פון גנבים .

בייא דער נאכט זיינען געקומען דרייא גנבים אונ הא
די טאבאק אריינגעפאקט אין זעק אונ זייא האבען געוו
אנטלויפען , אבער זייא האבען ניט געקאנט זיך רירהרען
ארט , זייא האבען באלד פאר שטאנען אז דער צדיק איז
געטרייע

(ר״ם בעל חנם)

געטרייער שומר האבען ווי די טאבאק אוועק געלייגט אויף ריק אויף איין ארט צוויי גנבים זיינען אנטלאפען , אבער דער דריטער האט ניט געקאנט אנטלויפען , ער האט דארטען געמוזט בלייבען אגאנצע נאכט .

דער ווירטה און ער אויף מארגען פריה איז געקומען דער ווירטה און ער האט געפונען דעם גנב ער שטעהט און קאן זיך ניט ריהרען פון ארט , דער גנב האט וויינענדיג איהם ערצייהלט די גאנצע מעשה , וויא אזוי ער מיט נאך צוויי גנבים , זיינען געקומען אנגבענען די טאבאק און אז מיר אללע דריי האבען געזעהען אם מיר קאנען ניט גיין פון ארט האבען מיר די טאבאק אוועק געלייגט אויף איין ארט , יענע צוויי זיינען אנטלאפען און איך קאן ניט גיין פון ארט . פרעג איך דיר מיט וואס האב איך געזינדיגט מעהר וויא יענע צוויי ?

דער ווירטה האט געלאכט . ער האט צו איהם געזאגט : געוויס האסט דוא אביסעל טאבאק אריין געלייגט אין דיין טאשע ;

ער האט געזוכט אין זיין טאשע און ער האט געפונען אביסעל טאבאק האט ער דאס אב געגעבען . און דאן האט ער געקאנט צוועק גיין , און גייענדיג האט ער געזאגט ; אז דאס איז איין געטרייער שומר ! .

דער ווירטה האט נאך מעהר געגעבען כבוד דעם צדיק , ער

(ר"ם בעל הנס)

ער האט ערלויבט אלע יודען וואס ווילען מתפלל זיין אויף דעם קבר מעגען זיא קומען אויף זיין פעלד, אונ דער צדיק איז געבליבען זיין געטרייער שומר ביז היינטיגען טאג.

דען דער ווירטה האט דאס געבעטען זיינע קינדער דאס זיא זאלען אהן זאגען זייערע קינדער אונ קינדס קינדער צוא געבען כבוד אויף צוויג דעם געטרייען שומר.

זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.

# ענדע

(ר"ם בעל [illegible])